# קאמאנדאס ראטעווען משכונות פון איראנער טעראריסט אין אוסטראליע

## טעראריסט דערשאסן און 2 משכונות זענען אומגעקומען

די פאליציי אין סידני, אוסטראליע, האט זיך מאבילייזירט מאנטאג ביינאכט מיט די ספעציעלע "סוואפ" קאמאנדאס צו ראטעווען די משכונות וואס זענען אראפגעהאלטן געווארן דורך אן איראנער געבוירענעם טעראריסט פאר איבער 16 שעה. זיי האבן אנגעהויבן דעם אנפאל אויף דעם קאפע הויז וואו די משכונות זענען געווען ארום 2 אזייגער נאך האלבע נאכט, אין די פינסטערניש פון די נאכט. עס איז פארגעקומען א מאסיווע שיסעריי ביי וואס דער 50 יעריגער איראנער מאן מיט׳ן נאמען מאניס, וועלכער האט פארכאפט און געהאלטן די משכונות, איז אומגעקומען, אבער עס זענען אויך געשטארבן א 34 יעריגער מאן און אן 38 יעריגע פרוי וועלכע זענען געווען צווישן די פארוואונדעטע אבער זיי זענען געשטארבן אין שפיטאל. (איין משכון פון א הארץ אטאקע אין שפיטאל.)

עס איז אויך געווען 3 אנדערע פרויען וואס זענען פארוואונדעט געווארן, אריינגערעכנט איין פרוי וועלכע איז געשאסן געווארן אין אקסל און אויך א פאליסמאן האט געליטן וואונדן אויף זיין פנים פון די "גאן שאט" קוילן צושפליטערונגען, אבער די אלע זענען נישט אין קיין לעבענס געפאר. מ׳האט אויך אריינגעפירט נאך א פרוי אין שפיטאל ווייל זי האט זיך נישט גוט געשפירט.

מ׳האט געזען ווי מ׳פירט ארויס מענטשן פון יענעם רעסטאראנט צופיס, און אנדערע אויף סטרעטשערס. מ׳האט אויך געזען פונדערווייטענס ווי מ׳האט געארבעט אויפצולעבן דאס הארץ אויף ווייניגסטענס 2 מענטשן.

עס איז געלונגען פאר 11 משכונות צו אנטלויפן נאך פאר די קאמאנדע אקציע איז דורכגעפירט געווארן, ווייל עס איז געווען בלויז איין טעראריסט וואס האט זיי געהאלטן אין געפענגעניש.

די באאמטע האבן געזאגט אז זיי פארהאנדלען, און זיי פרובירן צו ברענגען א פרידליכע ענדע צו דעם משכונות קריזיס, אבער זיי האבן זיך בארעכנט אז מ׳דארף יא דורכפירן די אבלאווע ווי לאנג עס איז נאך נאכט, ווייל מ׳קען נישט וויסן וואס דער טעראריסט וועט שפעטער טאן. דער פאליציי קאמישאנער האט געזאגט אז מען האט אונטערגענומען די אבלאווע ווען מ׳האט געהערט א שיסעריי אינעווייניג, האבן זיי מורא געהאט אז דער איראנער טעראריסט האט שוין געשאסן עמיצן אדער סטראשעט מיט שיסן עמיצן, איז ממילא געווען צו ריזיקאליש ווייטער צו לאזן דעם קריזיס וואס קען דראסטיש פארערגערט ווערן.

מ׳האט קיינמאל נישט געוואוסט גענוי וויפיל מענטשן עס זענען אין דעם געשעפט, מ׳האט געהערט אז עס קען זיין ביז 50 מענטשן. אין די ענדע האט די פאליציי באשטעטיגט אז מ׳האט א חשבון אויף 17 מענטשן, אריינגערעכנט דער טויטער טעראריסט און די אנדערע 2 וואס זענען אומגעקומען אין די שיסעריי. מ׳דארף נאך פעסטשטעלן צי די 2 זענען געשאסן געווארן פון פאליציי קוילן אדער פון דעם טעראריסט.



### די קאפע הויז פארכאפונג

דער קריזיס האט זיך אנגעהויבן, ווען א טעראריסט וואס האט געהאט א שווארץ בענדל אויפ׳ן קאפ מיט אראבישע אויפשריפטן ענליך צו דעם סימבאל וואס די איסלאמישע רוצחים טראגן, איז מאנטאג צופרי ארום 9:45 אזייגער אריינגעגאנגען אין א קאפע הויז אויף מארטין פלעיס אין סידני, אוסטראליע. ער האט ארויסגענומען א גרויסן ביקס פון א בלוי זעקל, און האט געווארנט יעדן נישט צו טאן גארנישט וואס זאל אים אויפרעגן. אלע זענען פארכאפט געווארן אלס משכונות.

עס איז נישט באלד קלאר געווען וויפיל משכונות ער האט פארכאפט, שאצונגען זענען געגאנגען פון בלויז 13 ביז מעגליך 50, ווייל עס האט געהערשט א היבשער פאניק איבער דעם אומגעראכטענעם אינצידענט. מען האט זיך אין לויף פון טאג דערוואוסט מער איינצעלהייטן, ווי אויך די אידענטיטעט פון דעם טעראריסט, איבערהויפט ווען עס איז געלונגען פאר עטליכע משכונות צו אנטלויפן.

מען האט געזען ווי די פרויען משכונות זענען געצווינגען געווען צו קוועטשן זייערע הענט אויף די פענסטער און זיי האבן גערדארפט האלטן דעם סארט פאן וואס ווערט גענוצט דורך די על-נוסרא טעראר באנדע וואס איז פארבינדן מיט על-קאידא, און באקעמפט דעם אסאד רעזשים אין סיריע. מען האט אויך געקענט זען פונדערווייטנס אז עס האט אויסגעזען ווי צוויי פון די פרויען וויינען.

אויפ׳ן פאן האט אויסגעזען ווי אן אראבישע לאזונג: עס איז נישטא קיין שום ג-ט אויסער... (דא נוצן זיי דעם מוסולמענער אויסדרוק פאר׳ן באשעפער׳ס נאמען, און אויך איבער זייער גלויבונג אינעם כלומר׳ישן נביאות פון מוכאמעד.) עס איז ענליך צו די פענער וואס פרומע מוכמאדאנער פלעגן אמאל נוצן, און עס איז אין די לעצטע יארן נאכאמאל אויפגעלעבט געווארן דורך אזעלכע איסלאמישע עקסטרעמיסטישע גרופעס ווי אייסיס.

ביי א פרעסע קאנפערענץ 2:00 נאכמיטאג, האט די פאליציי נאכנישט געהאט אנגעקניפט קיין דירעקטע פארבינדונג מיט דעם טעראריסט. דער פאליצי שעף האט אבער באטאנט אז מען טוט אלעס וואס מען קען צו פארזיכערן אז עס זאל האבן א פרידליכע שליכטונג.

מען האט געזען הונדערטער שווער באוואפנטע לאקאלע און פעדעראלע פאליציי ארומדרייענדיג זיך אין די געגענט, און די נאציאנאלע זיכערהייט קאמיטע פונעם קאבינעט איז זיך אויך צוזאמגעקומען צו א זיצונג איבער דעם קריזיס. פרעמיער מיניסטער טאני עבאט האט געזאגט, "איך קען נישט טראכטן פון כמעט גארנישט וואס זאל מער דערדרוקן, זיין מער שרעקליך ווי פארכאפט צו ווערן אין אזא מצב." ער האט געזאגט אז מען ווייסט נאכנישט זיכער וואס דער ציל איז פון כאפן די משכונות, אבער עס זענען יא דא עפעס אנדייטונגען אז עס קען זיין עפעס פאליטיש.

ער האט אבער געבעטן אז דאס פאלק זאל ווייטער אנגיין מיט "ביזנעס ווי געווענליך" טראץ דעם שווערן אינצידענט. ער האט ארויסגעברענגט אז דער גאנצער ציל פון פאליטישע געוואלדטאטן איז אפצושרעקן מענטשן אז זיי זאלן נישט פירן זייער נארמאלע ווירטשאפט, דארף מען דעריבער יא ווייטער פרובירן אנצוגיין מיט א נארמאלן לעבן.

מען האט אבער פארדעכטיגט אז דער טעראריסט האט נישט געארבייט אליין, אויף די אייגענע האנט, ער האט געהאט פארבינדונג מיט אנדערע טעראריסטן, ווייל קורץ דערויף האט עמיצער זיך פארבינדן מיט די פאליציי און האט געווארנט אז זיי האבן אויסגעשפרייט "זאכן" איבער די גאנצע שטאט, וואס מיינט אויפרייס מאטעריאל אדער באמבעס, און ער "וויל רעדן מיט׳ן פרעמיער מיניסטער לעבעדיג אויף די ראדיא."

באוואפנטע פאליציי האבן באלד געשלאסן אלע גאסן ארום דעם רעסטאראנט, וואס געפינט זיך אין צענטער פון די שטאט. מען האט אויך פארארדענט אז עראפלאנען זאלן נישט פליען העכער דעם שטאטישן צענטער.

מען האט געזען ווי די פאליציי האט געקייטעלט עמיצן בלויז 200 מעטער פון דעם רעסטאראנט, און עס איז אויך באריכטעט געווארן אז א פאליסמאן האט צעקלאפט זיין פוס ווען ער האט געטרעטן אויף א קליינעם שווארצן גאן וואס איז געפאלן פון יענעם.

### די שטאט סידני כמעט געשלאסן געווארן

א פאר שעה פאר די משכונות פארכאפונג האט די פאליציי דורכגעפירט אן אבלאווע אויף א נעסט פון פארדעכטיגטע טעראריסטן אין סידני, און זיי האבן ארעסטירט א 25 יעריגן פארדעכטיגטן, אויף די באשולדיגונג אז ער האט פינאנצירט טעראריזם. די פעדעראלע פאליציי האט געזאגט אין א סטעיטמענט אז ער איז ארעסטירט געווארן אלס טייל פון אנגייענדיגע אויספארשונגען איבער׳ן פלאנירן א טעראריסטישע אטאקע אין אוסטראליע, און אויך ארויסצוהעלפן פאר אויסטראליער בירגער צו פארן קיין סיריע אנצושליסן זיך אין די באוואפנטע שלאכטן. מען האט אים ארעסטירט ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון א מעטשעט. מען גלויבט אז זיין׳ס א קאלעגע איז שוין פריער ארעסטירט געווארן.

ווי פארשטענדליך, איז באלד אנטשטאנען א פאניק נישט בלויז אין סידני נאר אויך אין אנדערע שטעט פון אוסטראליע, און אויך אנדערשוואו. דער אוסטראליער פרעמיער מיניסטער טאני עבאט האט באצייכנט דעם אינצידענט ווי זייער ערנסט, עס ברענגט ארויס גרויס זארג, אבער יעדער זאל



# די משכונות קריזיס אין אוסטראליע:

זיך שפירן פארזיכערט אז אונזערע פאליציי און זיכערהייט אגענטורן זענען גוט מושטירט און אויסגעשטאט, און רעאגירן אויף א פראפעסיאנאלן וועג צו דעם אינצידענט.

ווי פארשטענדליך, האט די פאליציי אויך פארשטארקט פאטראלען ביי אנדערע מעגליכע צילן פון די טעראריסטן, נישט בלויז אין סידני נאר אויך אין די אנדערע גרויסע שטעט אזוי ווי מעלבורין, וואס האט א גרויסן אידישן ישוב.

מען האט געזען פון די גאס ווי פאליסלייט קריכן ארויף צום ערשטן שטאק, און זיי זענען אריינגעקראכן דורכ׳ן פענסטער צו העלפן עוואקואירן מענטשן פון דעם הויז. מען האט פארדעכטיגט אז דער טעראריסט האט מעגליך מיט זיך באמבעס, זענען די פאליציי זייער פארזיכטיג געווען אין זייער גאנצע באנעמונג ארום דעם פלאץ.

טויזנטער ארבייטער זענען עוואקואירט געווארן פון די הייזער אויף מארטין פלעיס. מענטשן וואס וואוינען אין די שכונות׳דיגע גאסן האט מען אויך באפוילן צו בלייבן אינעווייניג, און אוועקשטיין פון אפענע פענסטער. כאטש דער טעראריסט אינעם קאפע-הויז האט דערווייל קיינעם געשאסן, קען מען דאך אבער נישט וויסן וואס ער וועט ווייטער טאן. אויך איז דאך מעגליך אז אנדערע טעראריסטן געפונען זיך אויך אין די געגענט. לויט עדות האט מען יא געהערט א שיסעריי אין דעם רעסטאראנט, אבער מען האט נישט געהאט מער איינצלהייטן דערוועגן.

מען האט אויך עוואקואירט פאציענטן פון דעם דערנעבנדיגן סידני שפיטאל.

מען האט געשלאסן די מארטין פלעיס באן סטאנציע.

מען האט באפוילן פאר עראפלאנען נישט צו פליען העכער דעם צענטער פון די שטאט.

ווען עמיצער האט באריכטעט אז ס׳איז דא עפעס א פארדעכטיגטע זאך אין א גרויסן סידני טעאטער, האט מען אויך דאס עוואקואירט.

די עוואקואציע פון דעם גרויסן הויז העכער דעם רעסטאראנט איז פארגעגאנגען סיסטעמאטיש און פארזיכטיג, צו פארמיידן א פאניק, און אויך נישט ארויסצורופן א ספעציעלע אויפמערקזאמקייט פון דעם טעראריסט אין רעסטאראנט, אז ער זאל נישט אנהויבן שיסן אויף זיי.

מען קען זיך פארשטעלן די שרעק פון די פאמיליעס וואס ארבייטן אין יענע געביידע, ביז זיי זענען ארויסגעקראכן פון דארט און זיי האבן געקענט טעלעפאנירן אז זיי זענען שוין אוועק פון דעם געפאר.

דער פאן פון על נוסרא איז אנדערש ווי דער פאן פון "אייסיס", די 2 גרופעס זענען אנדערש. אייסיס צייכנט זיך אויס מיט מער רציחה, ווי מען האט געזען פון די אינצידענטן וואס זיי האבן אפגעהאקט קעפ פון זייערע משכונות אין סיריע און אויך אין תימן. על נוסרא איז א סוני עקסטרעמיסטישע גרופע וואס איז הויפקווארטירט אין סיריע, און




פאלגט אויס די דזשיהאדיסטישע אידעאלאגיע פון על קאידא. אייסיס האט זיך אפגעריסן פון על נוסרא, און זענען אפיציעל דערווייטערט געווארן פון על קאידא, צוליב זייער עקסטרעמע רציחה.

מאנטאג האבן טויזנטער אפיס ארבייטער זיך געדרייט אין א פארק נעבן מארטין פלעיס, נישט וויסנדיג וואס עס וועט דא ווייטער פארקומען, אבער זיי האבן געהאפט אז דער משכונות קריזיס זאל שנעל געשליכטעט ווערן און זיי זאלן נאך האפענטליך אינעם זעלבן טאג קענען צוריקגיין ארבייטן אין זייער אפיסעס.

*

מען האט מאנטאג אויך געשלאסן די שולעס, מיט ווארענונגען נישט צו עפענען די טירן, נישט אריינצולאזן און ארויסצולאזן קיינעם, ביז די פאליציי וועט פארזיכערן אז עס הערשט נישט קיין געפאר, ווייל אין אזעלכע פאלן פארדעכטיגט מען אויטאמאטיש אויב עס איז דא מער פון איין טעראריסט, אז ער קען זיין טייל פון א גרעסערע קאנספיראציע מיט נאך טעראריסטן וואס ווארטן דורכצופירן זייערע אטאקעס.

מען האט אויך עוואקואירט די אמעריקאנער קאנסולאט געביידע וואס איז נישט ווייט פון יענעם רעסטאראנט. (די אמבאסאדע געפינט זיך אין די הויפטשטאט פערט.)

די אמעריקאנער קאנסולאט האט ארויסגעגעבן אן עמוירדזשענסי ווארענונג פאר אמעריקאנער בירגער אין אוסטראליע אנצוהאלטן א הויכן שטאפל פון וואכזאמקייט און נעמען פאסנדע שריט צו פארשטארקן די פערזענליכע זיכערקייט.

דער סידני סטאק עקסטשעינדזש וואס איז א פאר בלאק אוועק פון דעם קאפע הויז, איז אויך געשלאסן געווארן, אינאיינעם מיט די אנדערע פינאנציעלע אינסטיטוציעס וואס געפינען זיך אין יענע געגענט, וואס איז אין ביזנעס צענטער פון די שטאט.

## עטליכע משכונות אנטלויפן

עס האט אויסגעזען ווי די רעדע איז פון בלויז איין טעראריסט, וואס ער קען נישט האלטן א געהעריגן קאנטראל אויפ׳ן מצב, אויף אזוי פיל משכונות, ווייל מאנטאג שפעט נאכמיטאג זענען צוערשט אנטלאפן 2 פרויען משכונות, און דערנאך האבן באוויזן צו אנטלויפן 3 מענער משכונות.

איין מאן וואס ארבייט אינעם רעסטאראנט ווי אויך 2 מענער קאסטומערס, זענען אנטלאפן פאר 3:45 נאכמיטאג דורך א פייער עסקעיפ, און 2 יונגע פרויען ארבייטער זענען אנטלאפן דורך אן אנדערע טיר פאר 5 אזייגער נאכמיטאג. מ׳קען זיך פארשטעלן דעם מצב אין וואס זיי האבן זיך געפונען, ווי דערשראקן זיי זענען געווען נאך 7 שעה אין געפענגעניש ביי דעם באוואפנטן טעראריסט. איינעם פון זיי האט מען געמוזט אפפירן אין שפיטאל פאר באהאנדלונג.

פון די אנטלאפענע משכונות האט מען געהערט מער איינצעלהייטן, וואס כאטש איינער האט געשאצט אז עס קענען זיין ביז 50 משכונות, האט אבער די געהילף פאליציי קאמישאנער קעטערין בורן געזאגט מאנטאג נאכמיטאג, אז די פאליציי גלויבט אז די רעדע איז פון ווינציגער ווי 30 משכונות וואס זענען אינעם רעסטאראנט.

## פאליציי פארהאנדלער רעדן מיט׳ן טעראריסט

אויך האט מען מאנטאג שפעט נאכמיטאג געהערט אז די פאליציי פארהאנדלער האבן שוין געמאכט א פארבינדונג מיט דעם טעראריסט, און זיי ווייסן ווער דאס איז, אבער זיי ווייסן נאכנישט גענוי פארוואס ער האט דאס געטאן.

איין זאך איז קלאר, דער טעראריסט איז זייער א געפערליכער פארשוין, ער איז באוואפנט און עס איז גאנץ מעגליך אז ער האט אויך מיטגעברענגט מיט זיך א באמבע, דארף מען זייער פארזיכטיג האנדלען מיט דעם טעראריסט.

וויבאלד די משכונות זענען אנטלאפן, זענען זיי צוגעלאפן און האבן זיך שנעל באהאלטן הינטער די שווער באוואפנטע פאליסלייט, וואס זיי האבן געצילט מיט די ביקסן און גאנס, אין פאל דער טעראריסט וועט ערשיינען און וועט וועלן נאכשיסן די וואס ראטעווען זיך.

## ענדליך נאך 16 שעה די קאמאנדאס פירן דורך די אבלאווע

די אבלאווע האט זיך אנגעהויבן ווען מ׳האט געהערט א גרויסן קראך פון דעם רעסטאראנט, און מ׳האט געזען 5 מענטשן ארויסלויפן. א קורצע צייט דערנאך זענען די פאליציי קאמאנדאס אריין מיט א גרויסע שיסעריי. מ׳האט אויך אריינגעשיקט א פאליציי ראבאט וואס ווערט גענוצט ווען מ׳טרעפט אדער מען זוכט באמבעס, און דער ראבאט מיט די קאמעראס איז ארומגעקראכן אין גאנצן פלאץ און מ׳האט נישט געטראפן אין ערגעץ קיין שום פארדעכטיגטע אויפרייס מאטעריאל.

מאניס האט געסטראשעט אז ער האט אונטערלייגט באמבעס אויף מערערע פלעצער אין די שטאט סידני. דאס איז געווען א פאלשע באריימעריי. ער האט אויך געסטראשעט אז ער האט אונטערגעלייגט באמבעס אדער אויפרייס מאטעריאל אין דעם קאפע הויז, אבער אויך דאס איז נישט געווען ריכטיג.

## אידישע אינסטיטוציעס אין לאנד, פארשלאסן

כאטש אידישע געמיינדע פירער אין אוסטראליע האבן נישט פארדעכטיגט אז די אקציע איז געצילט אויף אידן, ווייל מ׳האט דאך נישט געהערט קיין שום אנדייטונגען אז דער אנפאלער האט אפילו גערעדט פון אידן, האט מען אבער גענומען פארשידענע באווארענונג מיטלען אלס פאראנטווארטליכע פארזיכטיגקייט. מ׳האט געשלאסן אלע אידישע מוסדות און אינסטיטוציעס, ביז דער קריזיס וועט פאראיבער.

די אידישע אינסטיטוציעס האבן שוין פארשטארקט די זיכערהייט באווארענונגען אין לאנד נאך אן אינצידענט אין אויגוסט, ווען עטליכע שקצים האבן געסטראשעט צו הרג׳נען אלע קינדער אויף א סקול באס וואס איז געווען פול מיט קינדער ה״י, און האבן געשריגן אנטיסעמיטישע לאזונגען און קללות. כאטש אנטיסעמיטיזם איז אין אלגעמיין אויף א נידריגן שטאפל אין אוסטראליע, האט מען אבער געזען א פארערגערונג אין דעם געביט זינט פאריגן זומער, די זעלבע ווי אין די גאנצע וועלט, וואס די מדינת ישראל מלחמה אין עזה האט ארויסגעברענגט מער אנטיסעמיטישע אינצידענטן איבעראל.

לויט די "עי. די. על." האבן בלויז 14 פראצענט פון די איינוואוינער אין אוסטראליע געזאגט אז אידן זענען מער געטריי צו מדינת ישראל ווי צו דעם לאנד וואו זיי וואוינען.

